# נח ב

א. בשייכות צום פסוקי[1] „בשנת שש מאות שנה לחיי נח וגו׳ נבקעו כל מעיינות תהום רבה (וארובות השמים נפתחו)", שטייט אין זהר[2]: „ובשית מאה שנין לשתיתאה יתפתחון תרעי דחכמתא לעילא ומבועי דחכמתא לתתא ויתתקן עלמא לאעלא בשביעאה כו׳" — אַז אין די יאָרן פון שש מאות שנה פונעם אלף הששי וועלן זיך עפענען די שערי החכמה למעלה און די מעיינות החכמה למטה און די וועלט וועט נתתקן ווערן אויף צו קענען אַריינקומען אין דעם אלף השביעי.

דער פירוש פון די צוויי ענינים „תרעי דחכמתא לעילא, ומבועי דחכמתא לתתא" [וועלכע זיינען מרומז אין פסוק הנ"ל[3]: „נבקעו כל מעיינות תהום רבה (מבועי דחכמתא לתתא) וארובות השמים נפתחו (תרעי דחכמתא לעילא)"] איז: „חכמתא לעילא" מיינט חכמת התורה, און „חכמתא לתתא" — חכמות העולם[4]:

און ווי מיר זעען טאַקע, אַז אין דעם זמן הנ"ל איז געווען אַ התגלות יתירה אין חכמת התורה, פון פנימיות התורה[5] ווי באַוואוסט דער מאמר הצ"צ[6], אַז דער קץ דביאת המשיח אויף שנת תר"ח, איז געווען דאָס וואָס עס האָט זיך אין יענעם יאָר אָפּגעדרוקט דער לקו"ת [ווייל דער אויפטו פון ביאת המשיח איז וואָס דאַמאָלס וועט זיין „מלאה הארץ דעה את ה׳ גו׳"[7]]: און מיט עטלעכע יאָר פריער האָט זיך אָפּגעדרוקט דער תו"א (אין יאָר תקצ"ז[8]) — וואָס דוקא ווען דער לימוד (פון פנימיות התורה) איז אין אַזאַ אופן, ווערט דער „יתפרנסון"[9] (פון ספרא דילך) און „יפוצו"[10] פון די מעיינות הבעש"ט, וואָס זיין התגלות איז געווען[11] אַרום שנת ת"ק[12],

און אַזוי האָט זיך דאַן אויך אָנגעהויבן אַ התפתחות יתירה אין די חכמות העולם.

דאַרף מען פאַרשטיין: בשלמא דאָס וואָס די התגלות פון פנימיות התורה איז

---

1) פרשתנו ז, יא.

2) ח"א קיז, א. — בדפוסים שלפנינו לא הובא סיום הכתוב („וארובות השמים נפתחו"). אבל ברא"ג הובא באוה"ח לזהר כאן, וכן בעטרת ראש (נה, א) משמע, שגרסי בזהר גם סיום הכתוב.

3) רא"ג שבהערה הקודמת.

4) ס׳ אשמורת הבוקר (שאלוניקי, תרי"ב) לזהר.

5) ועיי"ש בזהר (קיח, א): וכד יהא קריב ליומי משיחא אפילו רביי דעלמא זמינין לאשכחא טמירין דחכמתא כו׳. וראה דרך אמת שם. וראה בארוכה שיחה שנדפסה בסוף המשך תרס"ו. לקו"ש ח"ז ע׳ 206 ואילך.

6) ראה תורת שלום ע׳ 237.

7) ישעי׳ יא, ט. ובארוכה — רמב"ם בסיום וחותם ספרו יד החזקה, עיי"ש (ושם הל׳ תשובה רפ"ט).

8) ראה היום יום ע׳ טז. ובכ"מ.

9) לשון התקו"ז (ת"ו בסופו). ובהקדמת מקדש מלך לזהר: יתפרנסון .. כשיפורש להם אמיתות מאמריו כו׳. ובכסא מלך (לתקו"ז שם): בדרא בתראה דוקא קרוב לימות המשיח כו׳ (אף אשר) זה כמה מאות שנים שנתגלה כו׳ (כי הלימוד צ"ל דוקא באופן של) יתפרנסון כו׳ יפורשו מאמריו העמוקים בהקדמות שגילה האר"י זלה"ה כו׳ שיבינו כו׳ כי הלומד גירסא בעלמא הגם שיש לו שכר טוב כו׳ עכ"ז הסגולה דבגיני׳ וקראתם דרור היא כשיתפרנסון וילמדו פירושי המאמרים כו׳. — ראה גם כן הקדמת הרח"ו לשער ההקדמות.

10) אגה"ק דהבעש"ט — נדפסה בסה"ס בן פורת יוסף. ובכ"מ.

11) שנת תצ"ד (לקו"ד ח"א לא, א. ועוד).

12) עיין אוה"ח ר"פ צו.

אַ הכנה „לעאלא בשביעאה", איז מובן. ווייל היות אַז אין ימות המשיח וועט זיך אויפטאָן דער ענין פון „מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים", איז מתאים, אַז פאַר דעם זמן, אַלס הכנה[13] דערצו, זאָל זיין דער גילוי פון פנימיות התורה וואָס איז אַ „מעין" פון תורתו של משיח; אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט די התפתחות והתגלות פון די חכמות העולם מיט „לאעלא בשביעאה"?

נאָכמער: פון דעם וואָס דער זהר ברענגט ביידע זאַכן בחדא מחתא איז פאַרשטאַנדיק, אַז זיי האָבן אַ צוזאַמענהאַנג צווישן זיך — אַז דאָס גופא וואָס עס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַ נייע התגלות אין חכמת התורה (אַלס הכנה צו ימות המשיח) איז „גורם" התפתחות פון חכמות העולם — דאַרף מען פאַרשטיין: אין וואָס באַשטייט דער קישור צווישן זיי, ווייבאַלד אַז חכמות העולם זיינען אַן ערך נידעריקער (לתתא) פון חכמת התורה[14] (לעילא) ובפרט פנימיות התורה?

ב. די גאַנצע וועלט, מיט אַלץ וואָס געפינט זיך אין איר, איז באַשאַפן געוואָרן „בשביל התורה ובשביל ישראל"[15] וכל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו"[15*] — איז פון דעם פאַרשטאַנדיק, אַז דער תכלית ושלימות הכוונה פון יעדער באַשאַפענער זאַך איז אין דעם וואָס זי ווערט אויסגענוצט, דורך אידן, אין עבודת ה'.

און אַזוי איז עס אויך בנוגע צו די חכמות העולם[16], אַז די כוונה אין דער התפתחות פון די חכמות העולם איז (בלשון התניא[17]) „להשתמש בהן לעבודת ה' או לתורתו".

[ווייבאַלד אָבער אַז לאו כל מוחא סביל דא, און ווי דער אַלטער רבי איז דאָרט מסיים „וזהו טעמו של הרמב"ם והרמב"ן ז"ל וסיעתן שעסקו בהן" איז דעריבער, איז עס שייך נאָר צו יחידי סגולה מסוג הנ"ל, און דער וואָס איז ניט שייך דערצו, איז עס, אדרבה, „מלביש ומטמא בחי' חב"ד שבנפשו האלקית"[18]].

ג. דערביי מוז מען באַוואָרענען, כאָטש, אייגענטליך, איז עס זעלבסט־פאַרשטענדליך: כהנ"ל האָט קיין שייכות ניט צו דער פראַגע פון לערנען אין קאָלעדזש אָדער אוניווערסיטעט וכיו"ב, וואָס דאָרט איז דער איסור חמור וסכנה (וחמירא סכנתא מאיסורא[18*]) — וואָס דער גאַנצער אויר והשקפה פון די דל"ת אמות (אין די מוסדות בדורותנו אלה) דורכגענומען מיט כפירה בהשגחה פרטית פון דעם אויבערשטן, ניטאָ קיין זאַך אָדער כח וואָס קען זיך אַריינמישן אין הנהגות העולם וחוקיו (ביז אַז דאָס ווערט אָנגענומען אַלס אַ זעלבסטפאַרשטענדליכקייט (וואָס אין צריכה ראי') און אַלס אַ יסוד צום גאַנצן שטודירן, וועלכן מען דאַרף גאַרניט דערמאָנען בפירוש) — אין דעם גרעסטן טייל פון

13) ראה תניא רפל"ז.

14) ראה אוה"ת בראשית תצו, ב ואילך. שמיני ע' נז ואילך.

15) אותיות דרע"ק ב'. פרש"י ר"פ בראשית. ועוד.

15*) אבות ספ"ו.

16) להעיר מדרמ"צ (סא, ריש ע"ב), דבכל נברא פרטי יש בחי' חכמה שהיא ראשית הנברא ומחכמה נמשך אח"כ לשאר חלקיו כו', ע"ש.

17) ספ"ח.

18) תניא שם. — דרגות שונות בלימוד חכמות העולם לש"ש, וכן דיוק לשון התניא „שיודע .. הרמב"ם ורמב"ן ז"ל" — נת' בלקו"ש ח"ב ע' 197 ואילך.

18*) חולין יוד, א.

זיי ווערן געלערנט לימודי מינות, אמונות עבודה זרה[19] וכו׳.

וברובם ככולם — זיינען ניטאָ גדרי הבושה וצניעות, ביז אַז מען איז מלעיג און מ׳פּראָוועט ליצנות פון די וואָס רעכענען זיך דערמיט, ואדרבה כל הפרוץ יותר — נעלה יותר וכו׳.

וכמפורסם דער מצב האיום בזה אין די קעמפּוסעס, דאָרמיטאָריס, מקומות הטיול וכו׳ — ואין להאריך בדבר המבהיל בכלל, און במדה האיומה כנ״ל בפרט.

די „טענה״ המפורסמת אַז עם (אָדער זי) וועט עס ניט שאַטן און ער וועט ביי־שטיין דעם נסיון א.ז.וו. — איז אויך מפורסם דער איינפאַכער ענטפער, אַז אַ צדיק גמור אפילו דעם לעצטן טאָג פון זיין 120־טן יאָר לעבן עלי אדמות ובתחלת היום און פאַר זיינע תפלות בעט דעם אויבערשטן „אל תביאנו לידי נסיון״[19*]. ויש להאריך כו״כ ואכ״מ.

ד. וויבאַלד אַז דער זהר פאַרבינדט די התפתחות פון די חכמות העולם מיט דער הכנה „לאעלא בשביעאה״, איז מובן, אַז די תועלת פון אַט די חכמות אין עבודת ה׳ דריקט זיך אויס אין אַן ענין וואָס איז אַ הכנה פון דעם אויפטו וואָס וועט זיין בימות המשיח.

פון די ענינים עיקריים, וואָס וועלן זיך אויפטאָן בימות המשיח, איז דער יעוד[20] „ונגלה כבוד ה׳ וראו כל בשר יחדיו כי פי ה׳ דבר״, דהיינו, אַז דער גילוי אלקות דלעתיד וועט זיין ניט נאָר אין אַן אופן, כנ״ל, פון „מלאה הארץ דעה את ה׳ גו׳״, נאָר אויך אין אַן אופן פון „וראו כל בשר״, אַז דער בשר הגשמי וועט זען דעם „פי ה׳ דבר״;

ד.ה. עס וועט זיין ניט בלויז אַ ראי׳ „בעין השכל הרוחני״, נאָר אויך (ווי דער מיטעלער רבי[20*] איז מאריך) אַ „ראי׳ גשמית בעין הגשמי״; און נאָכמער: פון דעם וואָס עס שטייט „וראו כל בשר״ — ניט „וראו כל עיני בשר״ [ע״ד „ותחזינה עינינו״[21]] — איז משמע, אַז ניט נאָר דער „עין הגשמי״, נאָר אויך דער בשר הגשמי גופא וועט דערזען „כי פי ה׳ דבר״.

און דאָס איז די שייכות צווישן דער התפתחות פון די חכמות העולם מיט דער הכנה „לאעלא בשביעאה״ — ווייל דאָס וואָס מ׳נוצט אויס די חכמות העולם „לעבודת ה׳ או לתורתו״, העלפט אַרויס אינעם מכין זיין זיך צו אַ „מעין״ פון „וראו כל בשר״ — אַ ראי׳ גשמית ומוחשית — אין עניני עבודת ה׳.

ה. אַ דוגמא לדבר: איינער פון די „טבע״־כוחות, וואָס איז (געווען משששת ימי בראשית בכל תקפו — אָבער מענטשן האָבן ניט געוואוסט פון עם, און ער איז) אַנטדעקט און אַנטוויקלט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן, איז דער וואָס דערמעגלעכט, אַז דער קול פון אַ מענטשן וואָס רעדט אין אַ באַשטימטן אָרט זאָל תיכף ומיד דערהערט ווערן בריחוק מקום, ביז אין קצוי ארץ לבנה

19) ראה רמב״ם פ״ב דהל׳ ע״ז, ה״ב: צוונו הקב״ה שלא לקרות כו׳ ולא נהרהר כו׳ שלא תשאל ע״ד עבודתה כו׳ (עיי״ש ובה״ג).

19*) בברכות השחר (ברכות ס, ב). וראה סנהדרין קז, א.

20) ישעי׳ מ, ה.

20*) שער האמונה פכ״ה ואילך. וראה תניא פל״ו.

21) נוסח התפלה. וראה ישעי׳ נב, ח (הובא בתניא שם. שער האמונה רפכ״ו): כי עין בעין יראו גו׳. ועוד.

וכו' [דורך אַ „טעלעפאָן" אָדער, נאָכ־מער[22], דורך „ראַדיאָ"]

און אַזוי, לעצטנס, אויך: זען עם וכל תנועותיו וכו'.

און דער אויפטו אין וועלט — די מעגלעכקייט צו הערן כל הגה והגה פון אַ מענטשן, באותו רגע ממש, בכל קצוי תבל און זעען עם וכו' גיט אַ ציור מוחשי אין דעם ענין פון, להבדיל „עין רואה ואוזן שומעת"[23]. ואדרבא: מה־דאָך אַז דער „אוזן" שלמטה קען באַלד דער־הערן [און עד"ז דער „עין" שלמטה — דורך התפתחות פון אַן אַנדער כח טבעי — קען דערזען] וואָס ס'טוט זיך בקצוי תבל — עאכו"כ בנוגע כביכול צו דעם „אוזן" [און „עין"] שלמעלה („הנוטע אוזן הלא ישמע אם יוצר עין הלא יביט"[24]), אַז אין דעם זיינען ניטאָ קיינע הגבלות ח"ו: און דאָס אַלץ וואָס אַ מענטש טוט, אפילו בחדרי חדרים, איז — באותו רגע ממש — דער „עין רואה ואוזן שומעת (ובמילא) וכל מעשיך בספר נכתבים"[23].

און וויבאַלד אַז ביי אים איז דאָ אַ דוגמא מוחשית[25] אין דעם ענין, וועט די התבוננות זיינע, אינעם ענין פון „והנה ה' נצב עליו כו' ומביט עליו ובוחן כליות ולב אם עובדו כראוי"[26], זיין ניט נאָר בדרך השגה פון אַ שכל עיוני [וואָס ניט אַלעמאָל האָט עס אַ פולע ווירקונג אויף אַ מענטשן], נאָר אין אַן אופן וואָס איז נעענטער צו די הרגשים גשמיים דהאדם און במילא מער פועל[27] זיין אויף זיינע מדות שבלב ביז אויף מחשבה דבור ומעשה.

ו. הגם אַז אַלע עניני העולם זיינען באַשאַפן געוואָרן „בשביל התורה ובשביל ישראל", פונדעסטוועגן געפי־נען מיר, אַז חז"ל טיילן אויס געוויסע זאַכן דורך מדגיש זיין, אַז זיי זיינען באַ־שאַפן געוואָרן נאָר צוליב זייער נוצן אויף אַ באַשטימטן ענין פון תומ"צ: ולדוגמא: „לא הי' העולם ראוי להשת־מש בזהב ולמה נברא בשביל המשכן ובשביל ביהמ"ק"[28].

דער חילוק צווישן די אויסגעטיילטע זאַכן און אַלע אַנדערע באַשאַפענע זאַכן איז: ביי די אַנדערע עניני הבריאה, הגם אַז אויך זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן נאָר „בשביל התורה ובשביל ישראל", קען אָבער כוונת בריאתם דורכגעפירט ווערן אויך ווען מען נוצט זיי לפועל אויף עניני העולם (אויף דברי רשות כו'), נאָר וואָס פון דעם גופא נעמט מען אַרויס (שפעטער) אַ תועלת אין עבודת ה'.

דאַקעגן ביי „זהב" לדוגמא, ווערט געזאָגט אַז „לא הי' העולם ראוי להשתמש בזהב", אַז דאָס נוצן „זהב" אויף וועלטלעכע הצטרכות'ן איז אַ ירידה פאַר דעם זהב — ווייל דער גאַנצער טעם פון זיין באַשאַפן ווערן איז נאָר מ'זאָל עס נוצן דורכאויס אויף צרכי המשכן והמקדש [עס איז מערניט וואָס היות אַז עס דאַרף זיין בחירה חפשית פון אַ מענטשן, דעריבער, האָט דער

22) ראה לקמן בפנים סעיף ז.

23) אבות פ"ב מ"א.

24) תהלים צד, ט. נת' בסה"מ קונט' ח"ב רעט, ב ואילך. ועוד.

25) ראה בארוכה סה"מ קונט' ח"א (רכו, ב ואילך) בנוגע למשלים, שע"י השגת אלקות היא במוחש ממש, עיי"ש. וראה לקמן הערה 40.

26) לשון התניא רפמ"א. וראה רמ"א או"ח בתחילתו. שו"ע אדה"ז שם (ובמהד"ת — סעיף ד־ה). ממו"נ ח"ג פנ"ב.

27) ראה שער האמונה שם (מה, א): ולהתפעל ביותר מפני שהוא מקרוב יותר כו', ע"ש.

28) שמו"ר פל"ה, א (ועיי"ש עוד כיו"ב).

אויבערשטער באַשאַפן דעם זהב אין אַן אופן אַז מ׳קען עס נוצן[29] אויך ניט „בשביל המשכן ובשביל ביהמ״ק״].

און אַזוי איז עס אויך בנוגע לענייננו: וויבאַלד אַז דער זהר פאַרבינדט די התפתחות פון חכמות העולם מיט דער התגלות פון (פנימיות) התורה און ניט „לאַעלא בשביעאה״ — איז דאָס גופא אַ באַווייז, אַז דאָס איז די גאַנצע כוונה[30] פון זייער התפתחות [דאָס וואָס מ׳קען נוצן די תועלת פון די חכמות אויף אַנדערע ענינים, איז עס נאָר מצד דעם טעם פון בחירה חפשית, כנ״ל].

ד.ה. אַז מיט דעם אַליין, וואָס מ׳קען פון די חכמות העולם אַרויסקריגן אַ תועלת אין עבודת ה׳ (ע״ד הנ״ל סעיף ד׳) פירט זיך נאָך ניט אויס דער אמת׳ער תכלית פון זייער התפתחות (ווייל דער־מיט זיינען זיי אַליין ניט מער ווי אַן ענין פון רשות (עולם) פון וועלכן מ׳באַקומט אַ געוויסע תועלת אין עניני עבודת ה׳).

די אמיתית הכוונה פון זייער הת־פתחות איז, ווען מ׳נוצט די חכמות העולם עצמן פאַר אַן ענין פון תומ״צ; און נאָכמער: וויבאַלד דער זהר איז מקשר זייער התפתחות מיט דעם זמן התגלות פון פנימיות התורה, דאַרף מען זאָגן, אַז דער עיקר המכוון איז צו נוצן זיי פאַר דער התגלות און הפצה פון פנימיות התורה.

ז. ווי גערעדט פריער (סעיף ד׳), באַשטייט אַ חידוש וואָס וועט זיך אויפ־טאָן בימות המשיח, אין צוויי ענינים: „מלאה הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים״, און דאָס גופא אין אַן אופן פון „וראו כל בשר גו׳״: און כעין זה איז אויך דער אויפטו און מכוון אין נוצן די חכמות העולם אויף דער הפצה פון, להבדיל, פנימיות התורה (וואָס איז כנ״ל אַ „מעין״ פון תורתו של משיח) — ווייל דורכדעם איז דער גילוי פון פנימיות התורה אַלס הכנה צו תורתו של משיח אין אַן אופן (עכ״פ אַ „מעין״) פון די צוויי ענינים הנ״ל („מלאה הארץ גו׳״, „וראו כל בשר גו׳״).

אַ דוגמא לדבר: בשעת מען נוצט אַ „ראַדיאָ״ אויף צו פאַרשפּרייטן פנימיות התורה, ווערט דורכדעם געהערט דער געלערנטער ענין פון פנימיות התורה — בגשמיות, און בכל קצוי תבל;

און נאָכמער: די דברי חסידות וואָס ווערן געלערנט אויף „ראַדיאָ״ נעמען דורך די גאַנצע וועלט, אפילו אין אַן אָרט וואו ס׳איז ניטאָ קיין ראַדיאָ־כלי אויפצונעמען דעם קול (ווי ס׳איז ידוע, אַז דער קול איז זיך מתפשט אומעטום, בכל קצוי תבל, און ניט נאָר בכח נאָר אויך בפועל — די אויפנאַם־כלי איז נאָר בכח צו אויפכאַפּן דעם קול און אים צו ענדערן אויף פאַרשידענע אופנים, אָבער ניט צו מחדש זיין אַ קול).

קומט אויס, אַז דורכן נוצן די חכמות העולם אויף הפצת פנימיות התורה איז דאָ אַ מעין פון: (א) „מלאה הארץ דעה את ה׳ גו׳״ — אָן קיינע הגבלות, בכל מקום ומקום. (ב) אין אַן אופן פון „וראו כל בשר גו׳״ — דער קול ווערט געהערט בגשמיות באותו רגע ממש.

ח. דער ענין הנ״ל איז אָבער אויך נאָר וואָס מ׳נוצט אויס די חכמות העולם אויף אַ צווייטער זאַך — אויף אַן ענין פון תומ״צ, אָבער אין די חכמות מצד עצמן זעט זיך ניט אָן קיין שייכות צו

29) ולהעיר מפרש״י בראשית א, ד (מדברי אגדה): מרז״ל (שבת כח, ב. פרש״י תרומה כה, ה) בנוגע ל„תחש״. ועוד.

30) ובמילא שזוהי כל מציאותו — ראה בארוכה לקו״ש חי״ט ע׳ 192 ואילך.

קדושה: די אמת׳ע פאַראייניקונג צווישן חכמות העולם מיט תורה איז, אַז אין די חכמות העולם גופא דערזעט מען ענינים פון פנימיות התורה[31].

איינער פון די ענינים עיקריים וואו מ׳זעט עס במוחש: פנימיות התורה קומט צו מגלה זיין די אחדות הפשוטה[32] פון אויבערשטן אין וועלט, אַז ניט קוקנדיק וואָס עס זיינען פאַראַן אַ ריבוי נבראים איז דער ריבוי ניט קיין סתירה צו דער אחדות הפשוטה של הקב״ה[33], ווייל, אדרבה, דער ריבוי גופא נעמט זיך דוקא מצד דער אחדות הפשוטה פון אלקות, ווי ס׳ווערט ערקלערט בכמה מקומות[34].

וויבאַלד די אמת׳ע מציאות פון וועלט איז די אחדות הפשוטה פון אלקות, דערפאַר דריקט זיך אויס אָט די אחדות אויך אין דער מציאות פון וועלט גופא, אַז אין וועלט גופא איז דאָ דער ענין ה„אחדות״.

און דער ענין — די אחדות וואָס איז פאַראַן אין וועלט (וואָס בפנימיותה איז עס די אחדות הפשוטה פון אלקות) — ווערט מער און מער נתגלה מיט דער התפתחות פון חכמות העולם:

אַמאָל האָט מען געמיינט, אַז יעדערער פון די טבע־כוחות איז אַ כח נפרד בפ״ע, און אַז דער חומר פון יעדער מציאות אין וועלט איז צונויפ־געשטעלט פון מערערע פאַרשידענע יסודות (עלעמענטן); אָבער וואָס מער עס שטייגט די אַנטוויקלונג פון די חכמות העולם, אַלץ מער קומט מען צו דער הכרה אַז אָט דער ריבוי און פירוד אין באַשטאַנד פון די יסודות איז נאָר אַן ענין חיצוני, דער אופן הצירוף פון חלקים, צמצום והתפשטות שלהם וכו׳ און מ׳איז אַלץ מער ממעט זייער סכום — ביז צו אַנערקענען אַז די נקודת המציאות פון וועלט באַשטייט פון דער פאַראייניקונג פון די צוויי ענינים כמות און איכות (חומר נושא הכח און דער כח) [אחדות הפשוטה איז אין (און מצד) אלקות[35] — און דעריבער באַשטייט די מציאות פון נברא, מצד עצמו, פון דער התאחדות פון צוויי פרטים — כמות און איכות[36]].

און דאָס איז דער קשר צווישן דער התפתחות פון חכמות העולם מיט דער התגלות פון, להבדיל, פנימיות התורה, אַלס אַ הכנה צו „יתתקן עלמא לאעלא בשביעאה״[37]:

דער גילוי פון פנימיות התורה ברענגט ממילא[38] אויך די התפתחות פון חכמות העולם, ווייל דורכדעם[39] איז

---

31) להעיר מהמשך הזהר (דלעיל הערה 5): ובההוא זמנא אתגליא לכלא ה״ד (צפני׳ ג, ט) כי אז אהפוך אל עמים וגו׳.

32) „אחדות פשוטה, אחדות הוא מבלי בחי׳ ריבוי כלל ופשוט הוא מבלי התחלקות כלל כו׳״ (סה״מ תרע״ח ע׳ קלד).

33) ואדרבה — כידוע המעלה ב„אחד״ על „יחיד״ — ראה תו״א נה, ב. אמ״ב שער הק״ש פ״ח ואילך. ועוד.

34) ראה דרמ״צ מט, א. ועוד.

35) ראה מכתב — נדפס לקמן ע׳ 473־4.

36) ראה הקדמת אבן עזרא לפי׳ עה״ת: ולמה בי״ת בתחלה להורות כי ה׳ אחד והנבראים שנים שהם עצם וצורה. וראה רמב״ם הל׳ יסוה״ת פ״ד סה״א. ולהעיר מבד קודש פ״ד ובהערות שם (וע׳ 19 שם). ואכ״מ.

37) להעיר מרמב״ם הל׳ מלכים ספי״א (שנשמט ע״י הצנזור): וכל הדברים האלו כו׳ אינן אלא לישר דרך למלך המשיח ולתקן העולם כלו לעבוד את ה׳ ביחד כו׳, עיי״ש בארוכה. — ומכ״ש וק״ו בנדו״ד.

38) ראה בענין השירים (עצמות כו׳) דסעודת המלך (דרושי עבדים היינו — סידור רצג, סע״ד ואילך. ועוד).

39) להעיר מהקדמת הרמב״ם לפיה״מ (ד״ה אחר כן): והנכבד שבמושכלות לצייר לנפשו אחדות

דער „מעין" פון תורתו של משיח (וואָס איז מגלה אחדותו של הקב"ה אין וועלט) אין אַן אופן (עכ"פ) פון א „מעין" פון „וראו כל בשר גו'" — אַז וועלט גופא ווערט אַ „כלי" צו אחדות ה', מען זעט דעם ענין ה„אחדות" אין וועלט גופא,

וואָס דאַן כאַפּט מען זיך אַז אין אמת'ן איז די אחדות ניט עפּעס אַנדערש ווי די אחדות הפשוטה פון אלקות[40] (וואָס ווערט נתגלה אין פנימיות התורה),

וואָס דורך דעם ווערט „יתתקן עלמא לאעלא בשביעאה", בקרוב ממש.

(משיחות ש"פ מקץ וש"פ משפטים תשכ"ו, ד' מרחשון וכ"ח אדר, תשל"ז)

---

הקב"ה כו' ששאר החכמות אינם אלא להרגיל בהם עד שיגיע לדעת האלקי כו', עיי"ש בארוכה.

40) להעיר מסה"מ קונט' (דלעיל הערה 25), שע"י המשלים כו' מדברים גשמיים „מברר ומזכך הנה"א את חלקו בעולם, והיינו הדברים הגשמי' אשר ע"י משיג אלקות ה"ה רואה בהם ענין האלקי והיינו מה שרואה פרטי הנמשל בהמשל ואיך שהם דבר אחד ממש כו'", עיי"ש בארוכה.

# נח ג

א. פונעם פסוק [1] „ויום ולילה לא ישבותו" לערנט אַרויס די גמרא [2]: „עכו"ם ששבת חייב מיתה שנאמר ויום ולילה לא ישבותו ואמר מר אזהרה שלהן זו היא מיתתן". דערנאָך איז די גמרא מוסיף: „אמר רבינא אפילו שני בשבת", און רש"י [3] איז מפרש, אַז רבינא איז מחדש אַז די אזהרה „לא ישבותו" איז ניט בלויז „בשבת שהוא יום שביתה לישראל, או אחד בשבת ששובתין בו הנוצרים" [4], נאָר „מנוחה בעלמא קא אסר להו, שלא יבטלו ממלאכה ואפילו יום שאינו בר שביתה".

פון רמב"ם [5] אָבער איז משמע, אַז דער איסור פון שביתה באַ בני נח „אפילו ביום מימות החול" איז (ניט מצד דעם וואָס „מנוחה בעלמא קא אסר להו", נאָר) ווייל „אין מניחין אותן לחדש דת ולעשות מצות לעצמן מדעתן" [6]. און דעריבער איז דער דין פון „עכו"ם ששבת אפילו ביום מימות החול .. חייב מיתה" דוקא אין פאַל ווען „עשאהו לעצמו כמו שבת". דערפון איז מובן, אַז לויט שיטת הרמב"ם, מיינט „לא ישבותו": ב"נ טאָרן ניט היטן שבת, אָדער אפילו מאַכן אַן אַנדער טאָג „כמו שבת" [7].

דאַרף מען פאַרשטיין (לפי שיטת הרמב"ם): וואָס איז די שייכות פון דער אזהרה (אַז די בני נח טאָרן ניט היטן שבת, אָדער אפילו מאַכן אַן אַנדער טאָג „כמו שבת") מיטן תוכן פון „לא ישבותו" כפשוטו — אַז עס וועט ניט זיין קיין ביטול והפסק אין סדרי הנהגת העולם („זרע וקציר גו' ויום ולילה")?

בשלמא לויט פירוש רש"י אַז „מנוחה בעלמא קאָ אסר להו שלא יבטלו ממלאכה" איז פאַרשטאַנדיק דער צוזאַמענהאַנג צווישן די ביידע ענינים פון „לא ישבותו": עס וועט ניט זיין — און במילא: זאָל ניט זיין — קיין שביתה והפסק. און ווי רש"י [8] אַליין איז מפרש אַז „לא ישבותו" באַציט זיך ניט בלויז צו די זעקס עתים (זרע וקציר גו'), אַז אין זיי וועט ניט זיין קיין ביטול והפסק, נאָר אויך צו בני אדם, אַז אויך ביי זיי זאָל ניט זיין קיין שביתה ממלאכה.

משא"כ לדעת הרמב"ם, אַז די אזהרה „לא ישבותו" צו בני נח מיינט (ניט דעם

1) פרשתנו ח, כב.

2) סנהדרין נח, סע"ב.

3) ד"ה אמר רבינא.

4) כצ"ל (ס' חסרונות הש"ס). ובכס"מ לרמב"ם הל' מלכים פ"י ה"ט: אפילו שני .. ופרש"י .. בשבת .. לישראל או בע"ש ששובתים בו הישמעאלים. וצ"ע: א) דדת הישמעאלים התחילה לאחרי חתימת הש"ס. ב) למה נקט בש"ס שני בשבת. וי"ל.

5) שם.

6) ברדב"ז וכס"מ הל' מלכים שם, שגם הרמב"ם סובר כרש"י ש„מנוחה בעלמא קא אסר להו" [אלא שהרדב"ז שם מוסיף, שזהו דוקא כ„שקבע אותו יום לעצמו למנוחה אבל אם בטל ממלאכה במקרה לא מתחייב"], אבל לפענ"ד צ"ע, כי מהמשך לשון הרמב"ם „כללו של דבר אין מניחין אותן לחדש דת ולעשות מצות כו'" מוכח כפירוש היד רמ"ה סנהדרין שם: „והרמב"ם .. מוקים לה בספר משנה תורה בקובע שבת לעצמו שנמצא בודה דת מלבו". וראה גם מאירי סנה' שם: „שאין מניחין אותו לחדש בו ולקבוע יום חג לעצמו לשבות בו מתורת חג" — כבפנים. וראה שקר"ט בחמדת ישראל להל' מלכים שם (קיג, סע"ד ואילך).

7) כי מפשטות לשון הרמב"ם — „עכו"ם ששבת אפילו ביום מימות החול" — מוכח, שהדין ד„אפילו ביום מימות החול" הוא (לא דין בפ"ע, כ"א) פרט בהאיסור דעכו"ם ששבת (ביום השביעי), שנלמד מ„לא ישבותו". וראה לקמן הערה 61.

8) סנהדרין שם ד"ה עכו"ם ששבת. וראה חדא"ג מהרש"א סנהדרין שם (סד"ה עכו"ם ששבת).